

# עמפייער סטעיט טשיילד קרעדיט

## געלט פאר אייער פאמיליע — טוט יעצט צו באקומען ביז $1,000 פער קינד

פילע ניו יארקע פאמיליעס קענען באקומען ביז $1,000 פער קינד דורך ניו יארק'ס לעצטנס-פארגרעסערטע עמפייער סטעיט טשיילד קרעדיט (Empire State Child Credit, ESCC) דורכן פיילן א ניו יארק סטעיט אינקאָם טעקס ריטורן. אויב איר דארפט נישט באצאלן קיין שטייער ווייל איר האט בכלל נישט קיין איינקונפט אדער אייער איינקונפט איז גאר ווייניג, דאן קענט איר באקומען די געלט אויסגעצאלט צו אייך. אויב איר דארפט יא באצאלן שטייער, קען די קרעדיט באצאלן דערפאר און אייך צוריקצאלן קעש אויב די קרעדיט איז מער פון די שטייער.

### בין איך בארעכטיגט?

צו זיין בארעכטיגט, מוזט איר:

- זיין א גאנץ-יאריגער ניו יארק סטעיט איינוואוינער
- האבן צום ווייניגסטנס איין בארעכטיגטע קינד אונטער 17 יאר אלט אויף דעצעמבער 31, 2025
- פיילן א ניו יארק סטעיט אינקאָם טעקס ריטורן — לערנט וויאזוי דא: www.tax.ny.gov/pit/file/

### וויפיל געלט קען איך באקומען?

איר קענט באקומען א מאקסימום פון $1,000 פער קינד אונטער 4 יאר אלט און $330 פער קינד צווישן 4 און 16 יאר אלט. די סומע פון די קרעדיט גייט צוביסלעך אראפ אויב אייער איינקונפט איז העכער פון $110,000 פאר א פארהייראטע פארפאלק וואס פיילט צוזאמען אדער איבער $75,000 פאר אנדערע מענטשן וואס פיילן.

### וואס איז אויב איך האב נישט קיין איינקונפט אדער גאר ווייניג איינקונפט?

איר דארפט נישט האבן קיין איינקונפט צו זיין בארעכטיגט פאר די קרעדיט. אויב איר האט בכלל נישט קיין איינקונפט אדער אייער איינקונפט איז אונטער $4,000, דארפט איר נישט באצאלן קיינע שטייערן און איר קענט באקומען די פולע סומע פון די קרעדיט אויסגעצאלט צו אייך דורכן פיילן א ניו יארק סטעיט אינקאָם טעקס ריטורן.

### וואס איז אויך איך האב איינקונפט איבער $4,000 און איך ווייס נישט אויב איך דארף באצאלן סיי וועלכע שטייער?

אויב איר האט מער פון $4,000 אין איינקונפט, פיילט א ניו יארק סטעיט אינקאָם טעקס ריטורן צו פארלאנגען די קרעדיט. אויב איר דארפט נישט באצאלן שטייער, קענט איר באקומען די פולע סומע פון די קרעדיט אויסגעצאלט צו אייך. אויב איר דארפט באצאלן א קליינע סומע שטייער, קען די קרעדיט באצאלן דערפאר און אפילו אייך צוריקצאלן קעש אויב די קרעדיט איז מער פון די שטייער.

### וועל איך פארלירן מיינע בענעפיטן אויב איך באקום די עמפייער סטעיט טשיילד קרעדיט?

ניין. דאס באקומען די עמפייער סטעיט טשיילד קרעדיט וועט נישט אפעקטירן אייער Medicaid, סאַפּלעמענטעל נוטרישען הילף פראגראם (Supplemental Nutrition Assistance Program, SNAP), סאפּלעמענטעל סעקיוריטי אינקאָם (Supplemental Security Income, SSI), קעש הילף אדער האוזינג הילף. אויב איר לייגט אוועק די געלט פון אייער ריפאָנד, וועט דאס נישט גערעכנט ווערן אלס פארמעגנס ווען עס קומט צו בארעכטיגונג פאר בענעפיטן פאר 12 חודשים.

### וויאזוי קען איך באקומען די קרעדיט?

באקומט אייער עמפייער סטעיט טשיילד קרעדיט דורכן פיילן א ניו יארק סטעיט אינקאָם טעקס ריטורן און ארייננעבן א גילטיגע סאָושעל סעקיוריטי נומער (Social Security Number, SSN) אדער אינדיווידועלע שטייער-באצאלער אידענטיפיקאציע נומער (Individual Taxpayer Identification Number, ITIN) פאר אייך און פאר יעדעס קינד וואס איר רעכנט אויס אויף אייער ניו יארק סטעיט שטייער בויגן IT-213. איר קענט מעגליך באקומען אומזיסטע הילף מיטן פיילן אייער טעקס ריטורן ביז אפריל 15, 2026.

### וויאזוי קען איך פיילן מיין ריטורן פריי פון אפצאל?

אומזיסטע אינקאָם טעקס פיילינג הילפס-מיטלען זענען פארעפנטליכט אויף די שטייער דעפארטמענט וועבזייטל: www.tax.ny.gov (זוכט: "free")

**סקענט פאר מער אינפארמאציע איבער די עמפייער סטעיט טשיילד קרעדיט.**

**otda.ny.gov/ChildCredit**

NEW YORK STATE | Office of Temporary and Disability Assistance